**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו פארשטערקערן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע 'רויטע פאן' געזעצן

***נייע ביל (S.3436/A.5835) מאכט אויסנאם פון דארפן צאלן 'אינדעקס נומער' אפצאל צו ארייננגעבן אפליקאציע פאר אן ERPO***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל (S.3436/A.5835) צו מאכן אן אויסנאם פון דארפן באצאלן אן 'אינדעקס נומער' אפצאל ביים ארייננגעבן אפליקאציע פאר אן 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל' (Extreme Risk Protection Order, ERPO). די ביל וועט פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל' געזעץ – אויך באקאנט אלס דער 'רויטע פאן' געזעץ – וואס האלט אפ יחידים וועלכע ווייזן ארויס סימנים פון שטעלן א געפאר פאר זיך אליין אדער פאר אנדערע פון איינקויפן אדער האבן אין אייגנטום סיי וועלכע סארט געווער. דער ׳רויטער פאן׳ געזעץ שטעלט צו פראצעדורישע באשיצונגען צו פארזיכערן אז קיין שום שיסגעווער ווערט נישט אוועקגענומען אן קיין גלייכע באהאנדלונג, בשעת׳ן גלייכצייטיג העלפן פארמיידן טראגעדיעס, ווי דער סקול שיסעריי אין פארקלענד, פלארידע, און דער ראסיסטישער מאסן-שיסעריי אין באפעלאו. זינט דער נייער געזעץ איז דורכגעפירט געווארן אין יוני פון 2022 האט זיך די צאל פון עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעלן פארמערט צען מאל פון פאראויס. ניו יארקער קענען באקומען מער אינפארמאציע איבער עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעלן [דא](#) און דורכן באזוכן די עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל [דעשבאורד](#).

"רויטע פאן געזעצן שפילן א קריטישע ראלע ביים האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער דורכן ערלויבן באזארגטע מענטשן צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו פאטענציאלע סכנות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ביל וועט פארזיכערן מער צוגענגליכקייט מיט א מער איינפאכע פראצעדור פאר ניו יארקער צו אונטערנעמען מאסנאמען נאך עפעס געשעהט צו פארמיידן שאדן און צו פארמערן פובליק זיכערהייט."

די נייע ביל (S.3436/A.5835) מאכט אן אויסנאם פון דארפן באצאלן אן 'אינדעקס נומער' אפצאל צו ארייננגעבן אן אפליקאציע פאר אן עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל. דורכן עלימינירן די אפצאל וועט די אריבערגעפירטע ביל זיכער מאכן אז עס איז נישטא קיין פינאנציעלע שטער צו אפהאלטן ניו יארקער פון האלטן זייערע קאמיוניטיס זיכער.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "מיטן עלימינירן אומוויכטיגע און איבעריגע אפצאלן אין פארבינדונג מיט עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל אפליקאציעס, באפולמעכטיגט די ביל בעסער קאמיוניטי פירער צו אונטערנעמען פאראויסיגע שריט און זיכער מאכן אז געווער ווערט געהאלטן ארויס פון די הענט פון סכנות'דיגע מענטשן. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן לייגן די זיכערהייט פון ניו יארקער אלס פריאריטעט דורכן אונטערשרייבן די ביל."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס לאווין האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו פארבעסערן די סיסטעם וואס ראטעוועט לעבנס און פארן זיכער מאכן אז צווישן די 22 יוריסדיקציעס וואס האבן רויטע פאן געזעצן — בלייבן ניו יארק'ס געזעצן פון די שטערקסטע אינעם לאנד. איך האב געשריבן די ערשטע עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעלן יארן צוריק נאכפאלגנדיג לענגערע שמועסן מיט מארק בארדען, וועמען'ס 7 יעריגע זוהן דעניעל איז דערמארדעט געווארן אין די סענדי הוק שחיטה. איך האב געספאנסארט די ביל אין די אסעמבלי ווייל איך בין נישט גרייט צו מקריב זיין די לעבנס פון אונזערע קינדער און אונזערע פאמיליעס צו די מכה פון זינלאזע גאן פארברעכן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן